בס"ד
אחרי קדושים תשפ"ג
גליון 138

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוּדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּט שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ, לָאמִיר זֶען וְויאַזוֹי ר' נָתָן שְׁטֶעלְט צוּזַאם דִי פַּרְשָׁה מִיט דֶער עִנְיָן פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר, אוּן וְויאַזוֹי דָאס אִיז נוֹגֵעַ פַאר יֶעדְן פוּן אוּנְז.

פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים רֶעדְט דִי תּוֹרָה אַרוּם אִיבֶּער אַסַאךְ מִצְוֹת וָואס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט דִי מִצְוָה פוּן "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ 'אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה', צוּ לִיבּ הָאבְן אַ חָבֵר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין דִי פַּרְשָׁה נָאךְ מִצְוֹת וָואס הָאט שַׁייכוּת צוּ אַהֲבַת חֲבֵרִים; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "לֹא תִּגְנֹבוּ", נִישְׁט בַּא'גַנְבְ'נֶען אַ חָבֵר, נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעמְ'ס זַאכְן - דֶעם חָבֵרְ'ס גֶעלְט. "וְלֹא תְכַחֲשׁוּ" אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַן אֲבֵידָה אָדֶער מְ'הַאלְט יֶענֶעמְס פִּקָּדוֹן זָאל מֶען עֶס נִישְׁט אָפְּלַייקֶענֶען, "וְלֹא תְשַׁקְּרוּ אִישׁ בַּעֲמִיתוֹ" נִישְׁט שְׁוֶוערְן אוֹיף לִיגְנְט.

"לֹא תַעֲשֹׁק אֶת רֵעֲךָ" אַז מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַן אַרְבֶּעטֶער דַארְף מֶען עֶס אָפְּצָאלְן, "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ" נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן דַיין




חָבֵר אִין הַארְץ, "לֹא תִקֹּם" זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער חָבֵר ווִיל עֶפֶּעס בָּארְגְן זָאלְסְטוּ אִים בָּארְגְן "וְלֹא תִטֹּר" טְרָאץ וָואס עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעבָּארְגְט פַאר דִיר. דֶער פָּסוּק פִירְט אוֹיס "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", דִי אַלֶע מִצְוֹת בַּאלַאנְגֶען צוּ דִי מִצְוָה פוּן אַהֲבַת חֲבֵרִים.

מִיר אַלֶע וֵוייסְן אַז דִי גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן וַוייל זֵיי הָאבְן זִיךְ נִישְׁט גֶעפִּירְט מִיט דִי רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְן חָלִילָה נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן אָדֶער בַּא'גַנְבֶ'ט דֶעם חָבֵר, נָאר אֵיין זַאךְ, 'זִיךְ נִישְׁט נוֹהֵג גֶעוֶוען מִיט כָּבוֹד אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן', דֶערִיבֶּער פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אֲבֵלוּת אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, וַוייל דִי אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן פֶּסַח בִּיז ל"ג בָּעֹמֶר.

מִיר לֶערְנֶען אִין דִי טֶעג פִּרְקֵי אָבוֹת שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אִיז דָא אַ מִשְׁנָה אִין אָבוֹת, 'יְהִי מָמוֹן חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ וְהַתְקֵן עַצְמְךָ לִלְמֹד תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ יְרוּשָּׁה לָךְ וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם'. זָאגְט ר' נָתָן: "'יְהִי מָמוֹן חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ' זָאלְסְט לִיבּ הָאבְן דַיין חָבֵר אַזוֹי וִוי זִיךְ אַלֵיין, דֶער עִיקָר וָוארְענוּנְג אוֹיף אַהֲבַת חֲבֵרִים אִיז אוֹיף גֶעלְט זַאכְן, דַארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן קִנְאָה מִיט שִׂנְאָה! אוֹיבּ אַ חָבֵר הָאט אָנְגֶעְרִירְט מַיין גֶעלְט וֶוערְט מֶען אוֹיף אִים זֵייעֶר אָנְגֶעבְּרוֹיזְט, דָארְט לִיגְט דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן פוּן אַהֲבַת חֲבֵרִים.

המשך קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט דִי תּוֹרָה צוּם סוֹף אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט דִי מִצְוָה פוּן וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ נָאכְן אוֹיסְרֶעכְנֶענֶען דִי אַלֶע וָוארֶענוּנְגֶען פוּן דִי לָאוִין נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען יֶענֶעמְ'ס פְּרוּטָה, אוּן אַדְּרַבָּה מֶען דַארְף נָאךְ צוּהֶעלְפְן אִין בּוֹיעֶן דֶעם חַבֶרְ'ס בִּיזְנֶעס אוּן זַיין אַן עוֹבֵר עַל מִדּוֹתָיו, טְרָאץ וָואס דֶער חַבֵר הָאט נִישְׁט גֶעבָּארְגְט פַאר מִיר אוּן מִיר נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וֶועל אִיךְ אִים אָבֶּער יָא בָּארְגְן אוּן גֶעבְּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אִים נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי וִוי דִיר", אַלְס וַוייל דִי תּוֹרָה וָוארְנְט אוּנְז, 'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ' אִיךְ בִּין נִישְׁט מַקְפִּיד, בַּיי אוּנְז הָאט מֶען זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט, מֶען טְרָאגְט נִישְׁט קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיפְן צְוֵייטְן בַּיי גֶעלְט זַאכְן.

פִּירְט דִי מִשְׁנָה אוֹיס 'וְהַתְקֵן עַצְמְךָ לִלְמֹד תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ יְרוּשָּׁה לָךְ' אַז דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין יְרוּשָּׁה, פְּרֶעגְט אוֹיף דֶעם ר' נָתָן אַ הַארְבֶּע קַשְׁיָא, מִיר הָאבְּן דָאךְ אַ בְּפֵירוּשֶׁ'ע פָּסוּק אַז דִי תּוֹרָה אִיז יָא אַ יְרוּשָּׁה, (דברים לג, ד) "תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב" עֶנְטְפֶערְט ר' נָתָן מִיט אַ זִיסְן תֵּירוּץ, אַז וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן, מֶען פַארְגִינְט זִיךְ אוּן מֶען קֶען זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַהֲבָה דֶעמָאלְט אִיז מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה, עֶס גֵייט צוּרִיק צוּם שׁוֹרֶשׁ - דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן מֶען אִיז אַזוֹי טַאקֶע מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָּׁה פוּן דִי תּוֹרָה. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דברים לג, ה) "וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ בְּהִתְאַסֵּף רָאשֵׁי עָם יַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל" אוּן רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְן פְּלַאץ 'וֶוען זֵיי נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם מִיט אֵיין פַארְבִּינְדוּנְג, עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי', דֶעמָאלְט קֶען מֶען בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוֹיבּ חָלִילָה אִיז דָא מַחֲלוֹקֶת וֶוערְט דִי תּוֹרָה בַּאהַאלְטְן אוּן נִסְתַּלֵּק. מִיר וֵוייסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט אוֹיף אַהֲבַת חֲבֵרִים, דִי גַאנְצֶע גָלוּת קוּמְט פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אוּן דֶער עִיקָר גְאוּלָּה וֶועט זַיין דוּרְךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וָואס קוּמְט מַאכְן שָׁלוֹם, וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין עֵדָיוֹת אַז אֵלִיָּהוּ קוּמְט נִישְׁט מְטַהֵר זַיין נָאר מַאכְן שָׁלוֹם. אַז סְ'וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוּן אַהֲבָה צְווִישְׁן אִידְן וֶועט מִמֵּילָא אַלֶעס וֶוערְן מְסֻדָּר, אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן אוּמְקְלָארֶע הֲלָכוֹת וֶוערְט וֶוערְן קְלָאר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַהֲבָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָּה הַשְּׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.



בית מדרש פון אר"י ז"ל
אין צפת

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

**מַיין** נָאמֶען אִיז זוּסְיָא פְרִיעֶדְמַאן

אִיךְ וואוין אִין קִרְיַת טָאהְשׁ אִיךְ ווִיל פַּארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוֹת פַאר מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע.

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבַת בֵּין הַזְּמַנִּים. זִיצְנְדִיג אִין בֵּית מִדְרָשׁ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז כְ'הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעוִוינֶען דָאס יָאר אִין יְשִׁיבַת בֵּין הַזְּמַנִּים, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוִוינֶען הַיינְט הֶעלְף אִיךְ זָאל גֶעוִוינֶען", אוּן אִיךְ כְ'הָאבּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְן לֶערְנֶען.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי גוֹרָלוֹת אִיז גֶעוֶוען פִיר גוֹרָלוֹת צְווֵיי פוּן דִי גוֹרָלוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעוִוינֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ



אַסַאךְ מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פוּן תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶּער לֵיינֶען זִיךְ אַזוֹי: "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בִּין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ וֶועל בְּעֶזְר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן..."

יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט פָּאר אַ גוֹרָל אִין חֶדֶר בֶּעט אִיךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל גֶעוִוינֶען אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוִוינֶען. אַמָאל וֶוען אִיךְ פְלֶעג הֶערְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער גֶעוִוינֶער פְלֶעג אִיךְ זַיין זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְד.

אָבֶּער הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיז אִיךְ בִּין שׁוֹין עֶלְטֶער אוּן מֶער דֶערְוַואקְסְן פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט אֲוֶועק אַלֶע מַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס אַרוֹיסְנֶעמֶען אִין אַ צַייט וֶוען אִיךְ וֶועל זִיךְ נוֹיטִיגְן דֶערִין. אֶפְשָׁר וֶוען אִיךְ וֶועל חַס וְשָׁלוֹם אַמָאל דַארְפְן אַ רְפוּאָה אָדֶער אִיךְ וֶועל מוּזְן הָאבְּן עֶפֶּעס וִויכְטִיג וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע מַיינֶע אָנְגֶעקְלִיבֶּענֶע תְּפִלּוֹת.

עֶס קֶען זַיין אַז וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַ טַאטֶע אוּן מַיין קִינְד וֶועט הָאבְּן אַ גוֹרָל, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר גֶעוִוינֶען וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל יָארְן צוּרִיק גֶעמַאכְט תְּפִלּוֹת...

דֶער עִיקָר, טַייעֶרֶע חֲבֵרִים גֶעדֶענְקְט! קֵיין אֵיין תְּפִלָּה וֶוערְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְלוֹירְן. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אַלֶעמָאל ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט נָאר ווִי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז ס'אִיז גוּט פַאר מִיר!

# איין אשה׳לע

**מַיין** טאַטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק גֶעפְּלַאנְט צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף אַ שַׁבָּת. פוּנֶעם פְּלַאן בִּיז סְ'אִיז גֶעוָוארְן עֶרנְסְטֶע פְּלֶענֶער אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן מְ'אִיז גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען מִיט נָאךְ זַאכְן.

אֵיין טָאג קְלִינְגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן מַיין טַאטְ'נְס אַרְבֶּעט, אוּן זָאגְט פַאר מַיין טַאטְן אַז לְכָבוֹד דִי יָמִים טוֹבִים גֵייט עֶר קֶענֶען נֶעמֶען אַפָּאר טֶעג וַואקַאצְיֶע, אוּן פֶעלְן פוּן דִי אַרְבֶּעט. פַאר מַיין טַאטֶע אִיז עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער בְּשׂוֹרָה, דִי פְּלַאן וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אוּן אַזוֹי לַאנְג גֶעוַוארְט, צוּ קֶענֶען פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט אָט אָט אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן.

צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי רַייזֶע, אַזוֹיוּוִי מֶען קֶען יֶעצְט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין פְלִיגֶער גְלַייךְ קַיין קִיֶעוו, וֶועט מֶען מוּזְן בַּאשְׁטֶעלְן אוּן אוֹיסְרֶעכֶענֶען מֶערֶערֶע דֶעטַאלְן פוּן דִי רַייזֶע, צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט זִיךְ מַיין טַאטֶע גֶענוּמֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעָה.

אִין דִי לֶעצְטֶע טָאג זֶענֶען כִּמְעַט אַלֶעס זַאכְן גֶעבְּלִיבְּן צוּ מְסַדֵּר זַיין, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטוּבּ, סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַייט, מַיין טַאטֶע הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט פְלִיעֶן אוּן סְ'אִיז כִּמְעַט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּאשְׁטֶעלְט, נִישְׁט דִי וֶועגְן, בַּאנֶען, הָאטֶעלְן, וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז מַיין פַאר מַיין טַאטֶע וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען בֶּעסֶער אַז עֶר וָואלְט נִישְׁט בַּאשְׁטֶעלְט קַיין טִיקֶעטְס, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶּער דֶעמָאלְט גֶענוּמֶען בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן מִיט דִי אַלֶע מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אָן קַיין שְׁטֶער, אוּן אַלֶעס זָאל אִים זַיין בַּאקְוֶועם אוּן גְרִינְג. עֶר זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי רַייזֶע אוּן אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

נָאךְ שַׁבָּת אִיז מַיין טַאטֶע צוּרִיק אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַ לַאנְגֶע רַייעֶ מִיט נִסִּים וָואס אִיז אִים גֶעשֶׁען בְּמֶשֶׁךְ דֶער גַאנְצֶער נְסִיעָה, אַלֶעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לְהַפְלִיא.



מְ'הָאט קְלָאר גֶעזֶען דֶעם חֶסֶד פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּעיבִּי וָואס אִיז לַיידֶער נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעזוּנְט, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן וֶוער עֶס קֶען זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, דָאס קִינְד אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט.

**אַ גְרוֹיסְן יְישַׁר כֹּחַ פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט**

# דער דרייסטער קאנטאניסט

*מיר האבן לעצטע וואך דערציילט וויאזוי דער קאנטאניסט יצחק דוד האט גע׳הרג׳ט דעם אויפזעער וואס האט אים אראפגעריסן זיין תפילין וואס ער האט געלייגט אינעם רוסישן מיליטער.*

זָאפָּאְרט הָאט מֶען אַיינְגֶעזֶעצְט דֶעם יִצְחָק דָּוִד׳ן אִין טוּרְמֶע. זַיין אוּרְטֵייל אִיז גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיסְצוּאוֶועלְן אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי: מֶען זָאל אִים שִׁיסְן, אָדֶער זָאל עֶר אַרִיבֶּער גֵיין צְוִוישְׁן צְוֵויי שׁוּרוֹת פוּן אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זֶעלְנֶער וֶועלְכֶע שְׁלָאגְן דֶעם דוּרְכְגֵייעֶר מִיט אַייזֶערְנֶע רִיטְן. אוּן פַארְוָואס דַארְף מֶען אַזוֹיפִיל זֶעלְנֶער צוּ שְׁלָאגְן? וַוייל אוֹיבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער וֶוערְט שׁוֹין מִיד זֶענֶען דָא פִיל סָאלְדַאטְן וֶועלְכֶע קֶענֶען שְׁלָאגְן מִיט פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת... דָאס אִיז אַ שְׁטְרָאף וָואס וֵויינִיג לֶעבְּן אִיבֶּער.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז ר׳ יִצְחָק דָּוִד הָאט אוֹיסְגֶעוֶועלְט דָאס צְוֵוייטֶע, אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְוֶועלְן צוּ שְׁטַארְבְּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע וִוילְן. עֶר וֶועט מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי שְׁלֶעק. אִין דֶעם בַּאשְׁטִימְטְן טָאג הָאט עֶר זִיךְ גֶעגְרֵייט אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, מְ׳קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן... אַזוֹי הָאט עֶר לַיידֶער גֶעמוּזְט אַרִיבֶּערְגֵיין צְוִוישְׁן צְוֵויי שׁוּרוֹת רִשְׁעוּת׳דִיגֶע זֶעלְנֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן אִים גֶעשְׁמִיצְט אוּן גֶעקְנַאקְט אַן קֵיין רַחֲמָנוּת. עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דָארְט אַ צֶעבְּלוּטִיגְטֶער אוּן פַארְוואוּנְדֶעטֶער. אָבֶּער מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף הָאט עֶר עֶס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט אוּן זִיךְ עֶרְהוֹילְט.

נָאךְ אַסַאךְ יָארְן פוּן צָרוֹת אוּן פֵּיין הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאפְרַייט וֶוערְן פוּן מִילִיטֶער. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים בַּאצָאלְט פַאר זַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ דִי אַלֶע יָארְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְלַאמֶערְט אִין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה. עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן. מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז פִיל פוּן דִי קַאנְטָאנִיסְטְן זֶענֶען נֶעבֶּעך אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶער מִילִיטֶער צֶעבְּרָאכְן פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, מְגֻשָּׁם אָן קַיין מִינְדֶעסְטֶע אַנוּנְג פוּן אִידִישְׁקַייט אוּן הָאבְּן קַיינְמָאל נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ. זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶעבְּט זֵייעֶרֶע יָארְן עֶלֶנְד אוּן צֶעבְּרָאכְן. אָבֶּער ר׳ יִצְחָק דָּוִד הָאט בַּייגֶעוואוֹינְט נִסִּים אַז עֶר הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ. אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ הֵיילִיג קִינְד, דָאס אִיז אוּנְזֶער בַּאקַאנְטֶער ר׳ נַפְתָּלִי כֹּהֵן זַ״ל וֶועלְכֶער אִיז שְׁפֶּעטֶער נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס לַייט אוּן הָאט גֶעוואוֹינְט אִין בַּארְדִיטְשׁוּב.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן ר׳ נַפְתָּלִי וֶועלְכֶער אִיז גֶעוָוארְן אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט בּוֹיעֶר אוּן הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם קְלוֹיז אִין אוּמַאן, אַז וֶוען דֶער גַלָח אִיז גֶעקוּמֶען זֶען דֶעם הֶערְלִיכְן



גֶעבֵּיידֶע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן ר׳ נַפְתָּלִי זָאל אִים בּוֹיעֶן אַזַא שֵׁיינֶעם בִּנְיָן פַאר אַ קְלוֹיסְטֶער, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז ר׳ נַפְתָּלִי אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן אוּן גֶעהוֹיבְּן זֶעק אוּן פֶּעק אוּן אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוֹינֶען.

אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בַּאמֶערְקְן אַז ווִי בַּאקַאנְט הָאט ר׳ נַפְתָּלִי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק ר׳ אַבְרָהָם בַּ״ר נַחְמָן חַזָן, בַּיים תְּנָאִים הָאט ר׳ אַבְרָהָם צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין שְׁוֶוער אַז נָאכְדֶעם ווָאס עֶר וֶועט אַרוֹיפְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועט עֶר שַׁאפְן פַאר אִים דִי נוֹיטִיגֶע פַּאפִּיר צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין הוֹיזגֶעזִינְד.

ר׳ נַפְתָּלִי הָאט גֶעטְרָאפְן אַ דִירָה אִין אַלְט שְׁטָאט וואוּ עֶר הָאט זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט אוּן פַארבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְּבֵקוּת. ר׳ נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּ דָאקְטוֹירִים אוּן נֶעמֶען זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת. אֵיינְמָאל וֶוען ר׳ נַפְתָּלִי אִיז לַיידֶער גֶעוָוארְן שְׁטַארְק נִישְׁט גֶעזוּנְט אִיז אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זַ״ל, פוּנְקְט אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ דָאקְטָאר וֶועלְכֶע אִיז בַּאשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי ווַייבּ פוּן ר׳ נַפְתָּלִי אִים אוּנְטֶערְצוּזוּכְן. ווִי נָאר דֶער דָאקְטָאר אִיז אַרַיין אִין שְׁטוּב הָאט ר׳ נַפְתָּלִי אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין קָאפּ צוּם וַואנְט אוֹיסְשְׁרַייעֶנְדִיג: ״מַלְאַךְ הַמָּוֶת, גֵיי אַרוֹיס!״

דֶער דָאקְטָאר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט זָאגֶנְדִיג: ״יָארְן לַאנְג בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ דָאקְטָאר, עֶס הָאט נָאךְ קֵיינֶער מִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּא׳טִיטוּלְ׳ט״. דִי ווַייבּ פוּן ר׳ נַפְתָּלִי הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, גֶעבְּנְדִיג צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אִיר מַאן אִיז לַיידֶער זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, פַארְדֶעם שְׁרֵייט עֶר אַזוֹי... עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶערְפוּן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן ר׳ נַפְתָּלִי אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט אוּן אַרוֹיס פוּן סַכָּנָה.



אידישע זעלנער

פַאר ר׳ נַפְתָּלִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן ר׳ יַעֲקֹב זְאֵב בַּארְזֶעסְקִי זַ״ל אוּן ר׳ יִצְחָק מֵאִיר קוּרְמַאן זַ״ל, זֵיי הָאבְּן אַרוּמְגֶערֶעדְט מִיט אִים אִיבֶּערן רֶבִּינְ׳ס גְרוֹיסְקַייט, הָאט זִיךְ ר׳ נַפְתָּלִי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: ״אִיךְ הָאבּ פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא, גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ דִי שְׁטָרוֹת - וֶועקְסְלֶען ווָאס וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט״, (וֶוער גֶעדֶענְקְט דֶעם לָשׁוֹן אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער בֶּערְגֶער אוּן אֶרִימַאן?) מֵיינֶענְדִיג דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וֶועלְכֶע בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ צוּ פַארְעֶכְטְן דִי נְשָׁמוֹת וֶועלְכֶע זֶענֶען צוּ אִים מְקוֹרָב.

פַארְן נִפְטָר וֶוערְן הָאט אִים זַיין רֶעבֶּיצִין גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל צוּ טְרִינְקֶען אַבִּיסְל מִילְךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ ׳בִּרְכַּת שֶׁהַכֹּל׳



המשך

# די בעסטע ירושה

אַ ערנסטע אַטמאָספעער האָט געהערשט אין שטוב פון ר' אַהרן זכרונו לברכה דער רב פון ברסלב, אַלע זענען געווען באַזאָרגט דער רב וואָס איז שוין געווען אַ עלטערער איד איז געלעגן זייער קראַנק, עס האָט אויסגעזען אַז דאָס זענען זיינע לעצטע טעג.

ווי באַוואוסט איז ר' אַהרן דער רב געווען פון די חשוב'ע תלמידים פון רבי'ן זכרונו לברכה און דער רבי אַליין האָט גע'פועל'ט ער זאָל ווערן רב אין שטאָט ברסלב, און עס האָט אויסגעפעלט אַז דער רבי האָט געדאַרפט צום ערשטן מאָל זיך באַניצן מיט זיין הייליגע זכות אבות דאָס דורכצופירן. לאַנגע יאָרן האָט ר' אַהרן געפירט די רבנות אין ברסלב מיט אַ מורא'דיגע ערליכקייט, אַזוי ווי דער רב האָט געזען אַז עס איז געקומען זיין צייט זיך צו שיידן פון דער וועלט האָט ער באַפוילן מען זאָל צאַמרופן אַלע קינדער און הויז-געזינד זיי איבערצוגעבן די לעצטע ווערטער.

ווען די גאַנצע משפחה זענען געווען צוזאַמען נעבן אים האָט ער געבעטן מען זאָל אַוועקשטעלן די בעט וואָס ער ליגט אויף דעם אינמיטן צימער און אַלע זאָלן שטיין אַרום די בעט, מען האָט באַלד אַזוי געטון, די גאַנצע משפחה האָבן באַרינגלט די בעט, אַ ציטער און אַ שפאַנונג איז געשטאַנען אין די לופט וואָס גייט דער טאַטע זאָגן פאַר ווען ער גייט אַריבער לעולם שכלו טוב? דער רב האָט געקוקט אויף אַלע קינדער און געזאָגט די ווערטער:

**"די וועלט זאָגט אויף מיר אַז איך בין אַ למדן, אַז איך בין אַ חכם, אַ קליגער און נאָך מעלות, פאַרשטייט איר דאָך אַז איך האָב געוואוסט און פאַרשטאַנען וועלכן בעסטן חלק איך זאָל זיך אויסקלייבן אין דער וועלט, לאָז איך אייך וויסן איידער איך גיי אַוועק פון דער עולם, אַז דער בעסטער חלק וואָס איך האָב זיך אויסגעקליבן אין מיין לעבן, איז דער הייליגער רבי וואָס איך בין מקורב צו אים, היינט לאָז איך אייך דאָס איבער בירושה אַז איר זאָלט זיך אויך אויסקלייבן אָט דעם גוטן חלק..."**

באמת האָט דער רב זוכה געווען אַז דריי דורות נאָך אים זענען געווען גרויסע רבנים ווי באַוואוסט דער טשעהרינער רב, וואָס איז געווען זיין אייניקל און נאָך, אַלע זענען טאַקע געווען מקורב און פאַרבינדן מיטן גאַנצן הארץ צום הייליגן רבי'ן.

די שפעטערדיגע דורות זענען ליידער פאַרשלעפט געוואָרן מיטן אויפקומען פון די קאָמוניסטן וואָס האָבן אויסגעמעקט און חרוב געמאַכט די אידישקייט אין רוסלאַנד, לאָמיר בעטן דער באַשעפער עס זאָל שוין זיין "ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ" ער זאָל שוין שיקן משיח צדקנו וואָס וועט צאַמנעמען אַלע פאַרוואָגלטע נשמות זיי צוריקברענגען אַהיים צום הייליגן באַשעפער. (אוצר נחמני קלז)

מיט אַ ברען און כוונה, נאָכדעם רופט ער זיך אָן, 'שהכל נהיה בדברו' איז ראשי תבות 'נחמן בן שמחה', אַזוי ווי דער הייליגער רבי דערמאַנט אין לקוטי מוהר"ן דעם "דבר השם" פון וואו אַלע רפואות פון דער וועלט קומען (ליקוטי מוהר"ן ח"ב א)."

אַ שטיק צייט נאָכן דערמאַנען די ווערטער איז ער נסתלק געוואָרן למעלה אין טאָג ג' אייר יאָר תש"ב. ת.נ.צ.ב.ה.

# ~ דִי דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 4 דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס




**דֶעם דְרִיטְן טָאג. הָאבְּן זִיךְ חָתָן כַּלָּה ווִידֶער דֶערְמַאנְט.** אוּן הָאבְּן גִיוַויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא. דֶעם דְרִיטְן בֶּעטְלִיר. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ כְּבַד פֶּה (דְהַיינוּ עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפִּילְט מִיט דֶעם מוֹיל)

**דֶערוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט.** אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז זַיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זַיי גִיקוּשְׁט אוּן עֶר הָאט זַיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט כַּנַּ"ל. פְּרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ.

**אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ כְּבַד פֶּה.** אִיךְ בִּין גָאר קֵיין כְּבַד פֶּה נִיט. נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּן דֶער וֶועלְט וָואס זַיי זֶענֶען נִיט קֵיין שְׁבָחִים צוּם אֵייבִּירְשְׁטְן הָאבִּין קֵיין שְׁלֵימוּת נִיט (כְּלוֹמֶר דְרִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ כְּבַד פֶּה. וָואס קֶען נִיט רֵיידְין. ווָארִין עֶר ווִיל גָאר נִיט רֵיידְן קֵיין שׁוּם וָוארְט פוּן דֶער וֶועלְט. וָואס סֶע אִיז נִיט קֵיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. ווָארִין דִי רֵייד וָואס נִיט קֵיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאבִּין קֵיין שְׁלֵימוּת נִיט. אִיבֶּער דֶעם שְׁטָאמְפִּילְט עֶר אִין דִי רֵייד)

**אָבֶּער צוּם אֱמֶת** בִּין אִיךְ גָאר קֵיין כְּבַד פֶּה נִיט. אַדְרַבָּא. אִיךְ בִּין אַ מֵלִיץ אוּן אַ דַבְּרָן דְהַיינוּ אַ רֵיידֶער. זַייעֶר אַ ווָאוּלֶער וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ.

**אוּן אִיךְ קָאן רֵיידְין** חִידוֹת אוּן שִׁירִים אוּן לִידֶער וָואס זַיי זֶענֶען ווִילְדֶע חִידוּשִׁים. וָואס אַז אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ רֵיידְן מַיינֶע חִידוֹת מִיט מַיינֶע שִׁירִים מִיט מַיינֶע לִידֶער. אִיז גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין קֵיין שׁוּם נִבְרָא אִין דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מִיךְ נִיט וֶועלִין הֶערִין (כְּלוֹמֶר סֶע נִיט דָא קֵיין שׁוּם בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אִין דֶער וֶועלְט וָואס סֶע זָאל נִיט וֶועלִין הֶערִין זַיינֶע שִׁירִים וְכוּ')

**אוּן סֶע אִיז אִין זַיי דָא** (דְהַיינוּ אִין דִי חִידוֹת אוּן אִין דִי שִׁירִים וָואס עֶר זָאגְט) כָּל הַחָכְמוֹת. אוּן אִיךְ הָאבּ אֵיין הַסְכָּמָה דְרָאף. פוּן דֶעם גְרוֹיסִין מַאן וָואס עֶר הֵייסְט דֶער אֱמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד.

**ווָארִין אַמָאל,** זֶענֶען גִיזֶעסִין אַלֶע חֲכָמִים אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה. אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט מִיט זַיין חָכְמָה. אַייזִין. (דְהַיינוּ דָאס וָואס מֶען זָאל קֶענֶען מַאכִין אַייזִין פוּן דֶער עֶרְד דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט)

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט** עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט אֵיין אַנְדֶער מִין מַתֶּכֶת (דְהַיינוּ אֵיין אַנְדֶער מִין אַייזִין ווַארְג. צִין אָדֶער בְּלַיי וְכוּ') אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט מִיט זַיין חָכְמָה זִילְבֶּער. דָאס אִיז שׁוֹין חָשׁוּבֶער (דְהַיינוּ דָאס וָואס מֶע קָאן מַאכִין זִילְבֶּער. דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט)

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט.** עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט. מֶע זָאל קֶענֶען מַאכִין גָאלְד. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט כְּלֵי מִלְחָמָה. (דְהַיינוּ דִי כֵּלִים וָואס מֶע הַאלְט מִיט זַיי מִלְחָמָה. דְהַינוּ בִּיקְסְן אוּן הוּרְמַאטִיס אוּן דֶעסְט גְלַייכִין דִי חָכְמָה צוּ מַאכִין דִי כֵּלִים דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט)

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט.** עֶר קָאן מַאכִין דִי אַייזִין ווַארְג. נִיט פוּן דִי זַאכִין. וָואס זַיי מַאכִין דֶערְפוּן דִי אַייזִין ווַארְג. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת. ווָארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין כַּמָה זַאכִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָואס מֶע הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט דוּרְךְ חָכְמוֹת. דְהַיינוּ סַאלִיטְרֶע אוּן פִּילְוִויר אוּן דֶעסְט גְלַייכִין הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶער בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה.

**הָאט זִיךְ דָארְט אֵיינֶער אָנְגִירוּפִין** אִיךְ בִּין קְלוּגֶער פוּן אַייךְ. ווָארִין אִיךְ בִּין קְלוּג ווִי דֶער טָאג. הָאט מֶען דָארְט נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט. עֶר אִיז קְלוּג ווִי דֶער טָאג.

**הָאט עֶר זִיךְ צוּ זַיי אָנְגִירוּפְן.** וָוארְן אַלֶע אַייעֶרֶע חָכְמוֹת. קָאן מֶען זַיי צוּם אוֹיף נֶעמֶען. ווֶעט פוּן זַיי מֶער נִיט זַיין. נָאר אֵיין שָׁעָה. כָאטְשֶׁע אִיטְלִיכֶע חָכְמָה נֶעמְט זִיךְ פוּן אֵיין אַנְדֶערִין טָאג. וֶועדְלִיג דִי בְּרִיאָה וָואס סֶע גִיוֶוען אִין אִיטְלִיכְן טָאג.

**ווָארִין אַלֶע חָכְמוֹת זֶענֶען זִיךְ הַרְכָּבוֹת** (דְהַיינוּ מֶע מִישְׁט צוּם אוֹיף עֶטְלִיכֶע זַאכִין אִין אֵיינֶעם אוּן דֶערְפוּן מַאכְט מֶען דִי זַאךְ. אִיבֶּער

דֶעם נֶעמְט זִיךְ אִיטְלִיכֶע חָכְמָה פוּן דֶעם טָאג. וָואס אִין דֶעם טָאג הָאט גָאט בַּאשַׁאפִין דִי זַאכִין וָואס דֶערְפוּן נֶעמְט מֶען דִי מַאטֶעריֶעס אוּן מֶע מִישְׁט אוֹיס מִיט חָכְמָה אוּן מֶע מַאכְט דִי זַאךְ וָואס מֶע וִויל מַאכִין (זִילְבֶּער אָדֶער קוּפֶּער אוּן דֶעסְט גְלַייכִין) פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט קָאן מֶען מִיט חָכְמָה צוּם אוֹיף נֶעמֶען אַלֶע אַייעֶרֶע חָכְמוֹת וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִיט זַיין נָאר אֵיין שָׁעָה.

**אָבֶער אִיךְ בִּין קְלוּג וִוי אַ גַאנְצֶער טָאג.** (אַזוֹי הָאט זִיךְ בַּארִימְט דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער חָכָם הַנַּ"ל) הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) וִוי וֶועלְכֶער טָאג (כְּלוֹמַר וִוי וֶועלְכֶער טָאג בִּיסְטוּ קְלוּג)

**הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין.** אָט דֶער אִיז קְלוּגֶער פוּן מִיר. וַוייל עֶר פְרֶעגְט וִוי וֶועלְכֶער טָאג. לוּשְׁמִיר וִוי וֶועלְכֶער טָאג אִיר וִוילְט אַזוֹי בִּין אִיךְ קְלוּג. לוּשְׁמִיר פַאר וָואס זֶע ווִידֶער אִיז דֶער קְלוּגֶער. וַוייל עֶר הָאט גִיפְרֶעגְט וִוי וֶועלְכֶער טָאג. דֶער חָכָם אִיז זִיךְ אוֹיךְ קְלוּג וִוי וֶועלְכִין טָאג עֶר וִויל. נָאר סֶע פַארְהַאנְדִין אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

**וָוארִין דֶער אֶמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד.** אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן. אוּן אִיךְ (דְהַיְינוּ דֶער כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) גֵיי אוּם אוּן נֶעם צוּם אוֹיף אַלֶע אֶמֶתִי חַסָדִים אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם אֶמֶתִין אִישׁ חֶסֶד.

**אוּן דֶער עִיקָר זְמַן** (דְהַיְינוּ אַז סֶע זָאל זַיין אַ צַייט וָוארִין דִי צַייט אַלֵיין דְהַיְינוּ אַז סֶע זָאל זַיין יָאר אוּן טֶעג אוֹיף דֶער וֶועלְט דָאס אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּאשַׁאפִין) וֶוערְט נָאר דוּרְךְ אֶמֶתִי חַסָדִים.

**אוּן אִיךְ גֵיי אוּם אוּן נֶעם צוּם אוֹיף** אַלֶע אֶמֶתִי חַסָדִים אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם אֶמֶתִין אִישׁ חֶסֶד. וָואס דֶערְפוּן וֶוערְט דֶער זְמַן.

**אוּן סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ בַּארְג.** אוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג שְׁטֵייט אַ שְׁטֵיין. אוּן פוּן דֶעם שְׁטֵיין גֵייט אַ קְוַואל. אוּן אִיטְלִיכֶע זַאךְ הָאט אַ הַארְץ. אוּן דִי וֶועלְט אִין גַאנְצִין הָאט אוֹיךְ אַ הַארְץ.

**אוּן דָאס הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט.** אִיז אַ גַאנְצֶע קוֹמָה מִיט אַ פָּנִים אוּן מִיט הֶענְט אוּן פִיס וְכוּ'. לוּשְׁמִיר דֶער נָאגִיל פוּן דֶעם פוּס פוּן דֶעם הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט. אִיז הַארְצִיקֶער אֵיידֶער אֵיין אַנְדֶערִינְס הַארְץ.

**אוּן דֶער בַּארְג מִיט דֶעם קְוַואל שְׁטֵייט אִין אֵיין עֶק פוּן** דֶער וֶועלְט. אוּן דָאס הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט. שְׁטֵייט אִין דֶעם אַנְדֶערִין עֶק פוּן דֶער וֶועלְט.

**אוּן דָאס הַארְץ. שְׁטֵייט אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל. אוּן גְלוּסְט אוּן בֶּענְקְט תָּמִיד זֵייעֶר אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל.**

**אוּן דָאס בֶּענְקֶען** אוּן דָאס גְלוּסְטִין פוּן דֶעם הַארְץ צוּא דֶעם קְוַואל אִיז גָאר וִוילְד. אוּן סֶע שְׁרַייט תָּמִיד דָאס הַארְץ אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל. אוּן דֶער קְוַואל גְלוּסְט צוּ דֶעם הַארְץ אוֹיךְ.

**אוּן דָאס הַארְץ.** הָאט צְוֵויי חְלִישׁוּת (דְהַיְינוּ צְוֵויי שְׁלַאפְקֵייט). אֵיינְס וָוארִין דִי זוּן יָאגְט עֶס זֵייעֶר. אוּן בְּרֶענְט עֶס. (וַוייל סֶע בֶּענְקְט אַלְץ אוּן וִויל קוּמֶען צוּם קְוַואל). אוּן דָאס אַנְדֶערֶע שְׁלַאפְקֵייט הָאט דָאס הַארְץ. מַחְמַת דֶעם בֶּענְקֶען אוּן דָאס גְלוּסְטִין וָואס דָאס הַארְץ בֶּענְקְט אוּן גְלוּסְט תָּמִיד. אוּן סֶע גֵייט גָאר אוֹיס צוּ דֶעם קְוַואל. **אוּן סֶע שְׁרַייט אַלְץ סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַּ"ל. וָוארִין דָאס הַארְץ שְׁטֵייט תָּמִיד אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל אוּן שְׁרַייט נַא גִיוַואלְד. אוּן סֶע בֶּענְקְט אַלְץ זֵייעֶר צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַּ"ל.**

**לוּשְׁמִיר אַז דָאס הַארְץ** בַּאדַארְף זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן. אַז סֶע זָאל זִיךְ אָפְּסַאפֶּען אַבִּיסְל. אַזוֹי קוּמְט אַגְרוֹיסֶער פוֹיגִיל. אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי פְלִיגְל אוֹיף אִים אוּן פַארְשְׁטֶעלְט אִים פוּן דֶער זוּן. דֶעמוּלְט רוּט זִיךְ דָאס הַארְץ אָפּ אַבִּיסְל.

**אוּן אַפִילוּ דֶעמוּלְט** אַז סֶע רוּט זִיךְ אָפּ. קוּקְט עֶס אוֹיךְ אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל. אוּן בֶּענְקְט אַלְץ צוּם קְוַואל. לוּשְׁמִיר אַז סֶע בֶּענְקְט יוֹא אַזוֹי צוּם קְוַואל.

**פַארְוָואס גֵייט עֶר נִיט צוּם קְוַואל.** נָאר וִוי בַּאלְד דָאס הַארְץ וִויל צוּ גֵיין נָאהֶנְט צוּם בַּארְג וָואס אוֹיבִין אִיז דֶער קְוַואל. אַזוֹי זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ. קָאן עֶר נִיט זֶעהְן דֶעם קְוַואל. אוּן וִויבַּאלְד עֶר קוּקְט נִיט אוֹיף דֶעם קְוַואל. גֵייט עֶר אוֹיס.

**וָוארִין גָאר זַיין חִיוּת פוּן דֶעם הַארְץ.** אִיז נָאר פוּן דֶעם קְוַואל. אוּן אַז עֶר שְׁטֵייט אַקֶעגִין בַּארְג. זֶעהְט עֶר אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ בַּארְג וָואס דָארְט אִיז דֶער קְוַואל.

**אָבֶער תֵּיכֶּף וִויבַּאלְד עֶר וִויל צוּגֵיין צוּם בַּארְג.** זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ (וָוארִין אַזוֹי אִיז זִיךְ דֶער שְׁטֵייגֶער. בַּיי אַ הוֹיכִין בַּארְג. פוּן וַוייטִין אַז מֶע שְׁטֵייט. זֶעהְט מֶען אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ. אוּן אַז מֶע גֵייט צוּ נָאהנְט זֶעהְט מֶען שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ) קָאן עֶר שׁוֹין נִיט קוּקִין אוֹיף דֶעם קְוַואל. קָאן עֶר חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין אוּן אַז דָאס הַארְץ זָאל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין. וָואלְט גָאר דִי וֶועלְט חָרוּב גִיוָוארִין וָוארִין דָאס הַארְץ אִיז זִיךְ דָאס חִיוּת פוּן אִיטְלִיכֶער זַאךְ אוּן וִוי קָאן דִי וֶועלְט אַ קִיוּם הָאבִּין אָן דֶעם הַארְץ. אִיבֶּער דֶעם קָאן דָאס הַארְץ נִיט צוּ גֵיין צוּם דֶעם קְוַואל. נָאר סֶע שְׁטֵייט תָּמִיד אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל אוּן סֶע בֶּענְקְט אוּן סֶע שְׁרַייט תָּמִיד אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַּ"ל.

**אוּן דֶער קְוַואל הָאט גָאר קֵיין זְמַן נִיט. וָוארִין דֶער קְוַואל אִיז גָאר נִיט אִין זְמַן.** (כְּלוֹמֶר דֶער קְוַואל הָאט קֵיין שׁוּם צַייט נִיט דְהַיְינוּ עֶר הָאט נִיט קֵיין שׁוּם טָאג אוּן קֵיין שׁוּם צַייט אִין דֶער וֶועלְט. וָוארִין עֶר אִיז גָאר הֶעכֶער פוּן דֶער צַייט פוּן דֶער וֶועלְט) לוּשְׁמִיר. וִוי אַזוֹי קָאן דֶער קְוַואל זַיין אִין דֶער וֶועלְט. (וָוארִין אִין דֶער וֶועלְט קָאן זִיךְ קֵיין זַאךְ נִיט זַיין אָן אַ צַייט).

**לוּשְׁמִיר גָאר דִי צַייט פוּן דֶעם קְוַואל** אִיז נָאר וָואס דָאס הַארְץ שֶׁענְקְט דֶעם קְוַואל אַ טָאג בְּמַתָּנָה. אוּן אַז דֶער טָאג וִויל זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְלָאזִין. אוּן וִוי דֶער טָאג וֶועט אַוֶועק גֵיין וֶועט זִיךְ שׁוֹין דֶער קְוַואל קֵיין זְמַן נִיט הָאבִּין וֶועט דֶער קְוַואל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. וִוי דֶער קְוַואל וֶועט נִיט זַיין. וֶועט זִיךְ דָאס הַארְץ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין חַס וְשָׁלוֹם. וֶועט חַס וְשָׁלוֹם גָאר דִי וֶועלְט בָּטֵל וֶוערְן כַּנַּ"ל.

**אַזוֹי וִוי סֶע קוּמְט נָאהנְט צוּם סוֹף טָאג.** אַזוֹי הֵייבִּין זֵיי זִיךְ אָן צוּ גִיזֶעגִינֶען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין דָאס הַארְץ מִיט דֶעם קְוַואל.

**אוּן זֵיי הֵייבִּין אָן צוּ זָאגִין** חִידוֹת אוּן שִׁירִים אוּן לִידֶער אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין זֵייעֶר וואוֹילֶע חִידוֹת אוּן לִידֶער. מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט גְרוֹיס בֶּענְקֶעכְץ זֵייעֶר אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין דָאס הַארְץ צוּם קְוַואל. אוּן דֶער קְוַואל צוּ דֶעם הַארְץ.

**אוּן דֶער אֱמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד.** הָאט דְרָאף הַשְׁגָחָה. אוּן עֶר הִיט דָאס אָפּ. אוּן וִוי סֶע קוּמְט דֶער טָאג גָאר צוּם סוֹף. נָאר עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלָאזְן (וָואס הָאט בַּאלְד וִוי דֶער טָאג וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזִין אוּן דֶער קְוַואל וֶועט שׁוֹין קֵיין טָאג נִיט הָאבִּין כַּנַּ"ל וֶועט עֶר אַוֶועק גֵיין אוּן אַזוֹי וֶועט חַס וְשָׁלוֹם דָאס הַארְץ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין. וֶועט חַס וְשָׁלוֹם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט חָרוּב וֶוערִין)

**אַזוֹי קוּמְט אָן** דֶער אֱמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד אוּן שֶׁענְקְט אַ טָאג דֶעם הַארְצִין. אוּן דָאס הַארְץ שֶׁענְקְט דֶעם טָאג דֶעם קְוַואל. אַזוֹי הָאט שׁוֹין וִוידֶער. דֶער קְוַואל אַ זְמַן (דְהַיְינוּ דֶעם טָאג קָאן שׁוֹין דֶער קְוַואל וִוידֶער אַ קִיוּם הָאבִּין קָאן שׁוֹין דָאס הַארְץ אוֹיךְ אַ קִיוּם הָאבִּין וְכוּ') אוּן אַז דֶער טָאג קוּמְט אָן פוּן וַואנֶען עֶר קוּמְט אַזוֹי גֵייט דֶער טָאג אוֹיךְ מִיט חִידוֹת. אוּן מִיט וואוֹילֶע שִׁירִים וָואס אִין זֵיי אִיז דָא אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן סֶע אִיז דָא חִילוּקִים צְווִישְׁן דִי טֶעג. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין זוּנְטָאג אוּן מָאנְטָאג וְכוּ'. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן יָמִים טוֹבִים. (כְּלוֹמֶר וֶועדְלִיג דֶעם טָאג וָואס פַאר אַטָאג סֶע קוּמְט. מִיט אַזוֹינֶע שִׁירִים קוּמְט עֶר אָן).

**אוּן גָאר דֶער זְמַן** וָואס דֶער אֱמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד הָאט. אִיז זִיךְ אַלְץ דָארְךְ מִיר. (דְהַיְינוּ דָארְךְ דֶעם כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) וָוארִין אִיךְ גֵיי זִיךְ אוּן נֶעם צוּם אוֹיף אַלֶע אֱמֶתִי חַסָדִים. וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט גָאר דֶער זְמַן כַּנַּ"ל. (אוּן אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער כְּבַד פֶּה קְלוּגֶער אַפִילוּ פוּן דֶעם חָכָם וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר אִיז קְלוּג וִוי וֶועלְכֶער טָאג מֶע וִויל. וָוארְן גָאר דִי צַייט מִיט דִי טֶעג וֶוערִין זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים. וָואס דִי טֶעג קוּמֶען אָן מִיט שִׁירִים אוּן חִידוֹת וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע חָכְמוֹת וְכוּ' כַּנַּ"ל).

**נִמְצָא הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַ הַסְכָּמָה** פוּן דֶעם אֱמֶתִין אִישׁ חֶסֶד. אַז אִיךְ קֶען רֵיידִין חִידוֹת אוּן שִׁירִים וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע חָכְמוֹת (וָוארִין גָאר דִי טֶעג מִיט דִי חִידוֹת מִיט דִי שִׁירִים וֶוערִין זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים כַּנַּ"ל) הַיְינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ.

**אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַ הִילוּא גִיטָאן.**

## געווינער אויף די בחינות איז:

## הילד החשוב יואל נחום אייזנצווייג, קרית טאהש , (זיבן בעטלערס 3)

מען קען אפנעמען די מתנה בייס ר' אברהם שלמה פאדוועג נ"י

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-585-3040**

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די דרייצנטע מעשה (4) - פון די זיבן בעטלירס

**א. וואס איז דער בעטלער דער כבד פה?**

- ☐ א מליץ און א ריידער וואס איז א ווילד חידוש
- ☐ זייער א גרויסער חכם
- ☐ איינער וואס קען נישט רעדן

**ב. פון וועמען האט ער א הסכמה?**

- ☐ פונעם גרויסן אדלער
- ☐ פון די מדינה של עשירות
- ☐ פון דער אמת'ן איש חסד

**ג. מיט וואס האט זיך בארימט דער פערטער חכם?**

- ☐ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט זילבער
- ☐ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט גאלד
- ☐ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט כלי מלחמה

**ד. מיט וואס בארימט זיך דער חכם וואס איז קלוגער פון זיי?**

- ☐ אז ער איז קלוג ווי דער נאכט
- ☐ אז ער איז קלוג ווי דער טאג
- ☐ אז ער איז קלוג ווי איין שעה

**ה. און וויפיל צייט קען מען צוזאם נעמען זייערע חכמות?**

- ☐ אין איין שעה
- ☐ אין איין טאג
- ☐ אין איין וואך

**ו. צו וועם ברענגט דער כבד פה די אמת'ע חסדים?**

- ☐ צו דער וואס איז קלוג ווי דער טאג
- ☐ צו דעם אמת'ן איש חסד
- ☐ צו דעם גרויסן אדלער

**ז. פון וואו גייט ארויס די קוואל?**

- ☐ פון א שטיין וואס שטייט אויפ'ן בארג
- ☐ פון א שטיין וואס שטייט נעבן בארג
- ☐ פון א טיפע פלאץ

**ח. וואו שטייט די הארץ און ווי שטייט די קוואל?**

- ☐ די קוואל ביי די עק פון דער וועלט און דער הארץ אינמיטן פון דער וועלט
- ☐ די הארץ ביי די עק פון דער וועלט און די קוואל אינמיטן פון דער וועלט
- ☐ די קוואל ביי איין עק פון דער וועלט און דער הארץ ביי די אנדערע עק פון דער וועלט

**ט. וועלכע חלישות האט די הארץ?**

- ☐ ווייל די זון יאגט איר זייער
- ☐ וויל ס'בענקט און גלוסט און גייט אויס צום קוואל
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. ווער העלפט פאר די הארץ זיך צו אפרוען?**

- ☐ א גרויסע פייגל וואס שפרייט אויס די פליגלען
- ☐ א גרויסע אדלער וואס שפרייט אויס די פליגלען
- ☐ א גרויסע וואלקן וואס מאכט א גרויסע שאטן

**יא. פארוואס גייט נישט די הארץ צום קוואל?**

- ☐ ווייל ס'איז זייער זייער וויט
- ☐ וויל גייענדיג וועט ער אים נישט זעהן וועט ער אויסגיין
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. ווער גיבט זמן פאר די קוואל?**

- ☐ די הארץ גיבט אים א טאג במתנה
- ☐ דער חכם גיבט אים א טאג במתנה
- ☐ די שטיין גיבט אים א טאג במתנה

**יג. וואס פאסירט צווישן די הארץ און דעם קוואל פאר די טאג גייט אוועק?**

- ☐ זיי זאגן חידות שירים און לידער אייגער צום אנדערן
- ☐ זיי טוען זיך אפרוען
- ☐ זיי וויינען און שרייען

**יד. ווער גיבט פאר די הארץ א טאג במתנה?**

- ☐ דער בעטלער דער כבד פה
- ☐ דער אמת'ר איש חסד
- ☐ דער וואס איז קלוג ווי דער טאג

**טו. ווער גיבט די זמן פאר דער אמת'ר איש חסד?**

- ☐ דער וואס איז קלוג ווי דער טאג
- ☐ די קוואל
- ☐ דער בעטלער דער כבד פה

***טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה פון דעם טאג?***

- ☐ *וואס א אמת'ע חסד פון א איד קען אויפטאהן*
- ☐ *צי וואס מ'קען זוכה זיין אז מ'היט די מויל*
- ☐ ______________________________.

?

טרעף די וועג צום ציון אלוקי אין מירון






וואס האט דער רבי געזאגט אויף רבי שמעון? לויטן פסוק

'עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית'

רבי שמעון איז א __________!

וואס מיינט דאס?

רבי שמעון מיט זיינע חברים זענען געווען דער תיקון פאר די 24 טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא וועלכע זענען נפטר געווארן, דעריבער זאגט רבי שמעון אין זהר "אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא" ווי אזוי האבן אונזערע לייט ארויסגעלייגט דאסווארט אנ"ן? וואס מיינט עס פאר אונז?

## ניגון וזמרה

ליקוטי הלכות נשיאת כפים הלכה ה'

ווייל דער עיקר דביקות און התחברות צו השם יתברך איז דורך



### וועלכע ניגון איז דאס?

ווער אויס איינס פון די:

א טאטע ביסטו, וביום השבת, בינו בוערים, ד' בבות.

קענסט אריינזינגען דעם גאנצן ניגון אין קנעפל 7?

### קלינג אריין אין טעלעפאן ליין אויף קנעפל 255 צו הערן דער ניגון פון דער וואך

**ניגון פון פאריגע וואך איז:**

**"אתה נגלית" [געווינער איז הילד הח' יעקב דוד שמחה אייזנצוויג, קרית טאהש]**

ניגון געווארן פארפאסט אויף די ווערטער 'אשת חיל' דורך **הרה"ק רבי ר' ברוכל פון מעזיבוש זי"ע** דער הייליגער רבי האט געזאגט אז מען דארף עס טוישן און לייגן אויף די ווערטער פון 'אתה נגלית' [דער ניגון אשת חיל וואס מיר זינגען איז ארגינאל פארפאסט געווארן אויף די ווערטער פון אתה נגלית]

| | | |
|---|---|---|
| הדפסת הגליון נתנדב ע"י ישראל נחמן טויב נ"י לרגל הולדת הבת | הדפסת הגליון נתנדב ע"י ר' אברהם שמואל דרדיק נ"י לרגל הכנסת בנו הבה"ח לוי יצחק לעול התורה והמצות | לע"נ האהח"ש מרים בת ר' יעקב |